פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 8-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 71 | Łódź, Czwartek, 23 marca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ"ה אדר תרצ"ג | № 71

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# דיפלאמאטישע אינטערווענץ

# געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד

## גרויסע פראטעסט-אקציע פון אמעריקאנער יודען געגען דייטשלאנד

וואשינגטאן, 22. (ספ. טעל.)

אין פאלאמענט האט זיך געמאלדען א דע־לעגאציע פון אמעריקאנער יודען מיט דער בקשה אויסצופארשען דעם עניין רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד, ווען די דאזיגע קלאגען וועלען זיך ארויסווייזען פאר ריכטיגע — אונטערנעמען געהע־ריגע דיפלאמאטישע שריט.

ניו־יארק. 22. (יט"א טעלעגראפיש).

אויף דער איניציאטיוו פון יודיש־אמעריקא־נישען קאנגרעס איז צוזאמענגערופען געווארען א גרויסע קאנפערענץ וועגען די געשעהענישען אין דייטשלאנד. אין דער קאנפערענץ האבען זיך בעטייליגט 12 הונדערט דעלעגאטען, וועלכע רעפרע־זענטירען זעקס הונדערט אינסטיטוציעס.

ס'איז בעשלאסען געווארען אנצוהייבען א גרויסע פראטעסט־אקציע אין גאנצען לאנד. צו דעם צוועק איז געוועהלט געווארען א קאמיטע פון 100 פערזאן אויף אנצופיהרען מיט דער אקציע.

ניו־יארק. 22. (ספ. טעל.)

די אנטיסעמיטישע געוואלד־אקטען אין דייטש־לאנד האבען ארויסגערופען אין אמעריקא א גרוי־סען איינדרוק.

אויף דער אינטערווענץ פון די יודישע ארגא־ניזאציעס, האט דער שטאטס־סעקרעטאר הול א־רויסגעפאדערט ביי די קאנסולען און ביים אמבא־סאדאר אין בערלין גענויע בעריכטען, בכדי א־רויסצושיקען א באטע.

דעם פראטעסט האבען אויך אונטערגעשריבען א סך בעריהמטע קאטאליקען און פראטעסטאנטען, און צ. א. דער געוועז. אמבאסאדאר זשעראלד דזש־ווייס, געוועז. מיניסטארען, רעקטארען, אדוואקא־טען און פארשטייער פון גייסטליכע.

גלייכצייטיג פערשפרייט זיך די בעוועגונג צו באייקאטירען דייטשע סחורות.

די ארגאניזאציע פון וועטעראנען־יודען פון דער דייטשער ארמעע האט צוריקגעצויגען די בעשטעלונג אויף דייטשע סחורות אין דעם ווערט פון 2 מיליאן דאלאר.

אויב די געוואלד־טאטען וועלען נישט אויפהער־רען וועט זיך דער באייקאט פערשפרייטען אויפ'ן גאנ־צען לאנד.

די יודען האבען זיך אויך געווענדעט צום אר־בייטס־מיניסטער וועגען פערלייכטערען די אימיגרא־ציע־פארשריפטען בכדי צו געבען א מעגליכ־קייטען די קרובים פון די אמעריקאנער יודען.

---

# היינט — אלגעמיינער שטרייק אין לאדז

## אלס סאלידאריטעט-אויסדרוק צו די שטרייקענדע טעקסטיל-ארבייטער

(2) לויט'ן בעשלוס פון דער קאנפערענץ, וואס איז מאנטאג פארגעקומען אין שטאט־ראט פון אלע צענטראלעס פון די טעקסטיל־ארבייטער־פעראיי־נען, וועט היינט, דאנערשטאג, אויסברעכען אן אל־געמיינער שטרייק, אלס אויסדרוק פון סאלידאריטעט צו די שטרייקענדע טעקסטיל־ארבייטער.

עס וועלען אויך פערשטייקען אלע שטאטישע איינריכטונגען און אינסטיטוציעס, א חוץ די פאגא־טאריע און שפיטאלען.

אויך די טראמוואי־אנגעשטעלטע און ארביי־טער האבען זיך ארויסגעזאגט אויף א פערזאמלונג, פאר'ן היינטיגען שטרייק. דאסזעלבע האבען אויך ערקלערט די אנגעשטעלטע פון די צופאהר־טראמ־וואיען.

אין דער רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער פערזאמלונג פון די טראמ־וואי־אנגעשטעלטע און ארבייטער, ווערט אויך גע־זאגט, אז זיי זענען גרייט צוזוטרעטען צו א גענע־ראל־שטרייק, אין פאל די טעקסטיל־אינדוסטריעלער וועלען נישט נאכגעבען די פאדערונגען פון די טעקסטיל־ארבייטער.

### סאנאטארישע טראמוואי-ארבייטער סאלידאריזירען זיך נישט מיט דעם היינטיגען אלגעמיינעם שטרייק

געכטען אוונט איז אין פערבאנד פון טראמ־וואי־ארבייטער ז.ז.ז. פארגעקומען א פערזאמלונג וועגען אלגעמיינעם שטרייק.

נאך א לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאסען גע־ווארען נישט צוזוטרעטען צום שטרייק. די טראמ־ווייען זאלען קורסירען נארמאל. דעם טאג פער־דינסט איבערגעבען פאר די שטרייקענדע טעקס־טיל־ארבייטער.

### פערמ'שפטע סטודענטען

ווארשא, 22. (טעלעפאניש).

דאס היגע סטא־אסטווע־געריכט האט געכטען פערמשפט 6 סטודענטען צו 60 טעג אומבעדינגטען ארעסט פאר'ן שטערען די עפענטליכע רוה דעם 2 מערץ.

---


טיף דערשיטערטע צוליב'ן טויט פון אונזער ליבען חבר

יחיאל מאיר איזענבערג

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע.

טעאטער „פאקט".

---

אין טיפען טרויער געפינט זיך די גאנצע יודישע ארטיסטען־משפחה צוליב'ן פלוצלינגדיגען טויט פון אונזער איבערגעגעבענעם מיטגליד

יחיאל מאיר איזענבערג

יודישער ארטיסטען־פעראיין אין פוילען.

1503

---

מיט גרויס צער און טרויער באווייגען מיר דעם טויט פון אונזער נישט פערגעסענעם חבר

יחיאל מאיר איזענבערג

סופלער פון יידישן טעאטער.

חברים פון לאדזשער ארבייטסלאזע ארטיסטן

---

צוזאמען מיט אלע נאהנטע בעוויינען מיר דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליבען נישט פערגעסענעם חבר און פריינד

יחיאל מאיר איזענבערג

איסר בעזמאן און פרוי
אברהם שטאקפעדער און פרוי
מאיר ווינדער און פרוי

1506

---

טיף ב'צער'ט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון ליבען פריינד און חבר

יחיאל מאיר איזענבערג

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע.

יעקב וויזענטאל.

1507

---

הרינו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו העמוקה לחברנו, חבר הועד הציוני,

מר מאיר פלוצקיר

בצערו הגדול על מות עליו

אשתו ז"ל

בפתית עמנו בארצנו הבנויה ימצא את נחומיו.

ועד ההסתדרות הציונית בלודז
ועד „קרן היסוד" בלודז
ועד קרן קרן הקימת לישראל בלודז

1500

---

דאנקזאגונג.

די אלע, וועלכע האבען זיך אזוי צאהלרייך בעטייליגט אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער

נ. ע.

ברכה פלאצקער

דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק.

די פאמיליע.

1497

---

מיט געבויגענע קעפ שטייען מיר פארן פרישן קבר פון אונזער נישט פארגעסענעם חבר

יחיאל מאיר איזענבערג

לאנגיעריגער סופלער פון יידישן טעאטער.

טרופע „פילהארמאניע"

